„Radomer-Kielcer Leben" 42 (332) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VII-ער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייטען.

Radom, Piątek 31 Październ. 1930 r.

ראדאם, פרייטאג ט׳ מרחשון תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אנאנסען - פרייז:
אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ׳ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען 8 שפאלטען
" אין טעקסט 4 "

יודישער ארט־סטען פעראיין אין פוילען
דירעקטאריאט פון די פעראיינס טעאטערן
דירעקטאר נ. זאלאטארעוו.

## טעאטער „ראזמאיטאשטשי"

נור 3 גאסטשפילע — פון דער וועלט־בערימטער קינסטלערין
## לידיא פאטאצקא
נאך איהר טורנע איבער אויסלאנד. מיט איהר געקליבענעם אנסאמבל

פרייטאג דעם 31 ה. ח.
**ראמאנס**
אין 3 אקטען פון שעלדאן.

שבת דעם 1 נאוועמבער
**מירעלע אפרת**
דאס אונשטערבלי־כע מייסטערווערק
אין 4 אקטען פון יעקב גארדאן.

זונטאג דעם 2 נאוועמבער
**פון יענער וועלט**
פיעסע פון יודישן לעבען אין 3 אקטען
פ. בערקאוויטש (איידעם פון שלום עליכם)

עס נעמען אנטייל לויט א״ב פר: ר. טורקאו, א. ליפאווסקא, כ. נעכה, מ. ראזען. מענער: ב. גאראדאוו, מ. בורוויטש, ש. לאנדוי, מ. מעלמאן, נ. מעלניק, י. ראקאוו.

פארפערקויף פון בילעטען אין טראפיק פון ה׳ צווייגהאפטיג לובלינער 9. אין טאג פון פארשטעלונג ביי דער קאסע פון 5 אווענד.
אנפאנג 8⁴⁵ אווענד
אדמיניסטראטאר מ. מענדעלסאן.

## אכטונג, סוחרים פון קעסלען און אלט אייזען!

1 ס׳איז דא צו פערקויפען .1 ליגענדיגער **פאראווע קעסעל** מיט איין פייער־רעהר, מיט **קאמפלעטענע ארמאטורע.**
די דיק פון קעסעל האלט ביז 12 מילימעטער.

.2 **שטעהענדיגער קעסעל** מיט 47 רערען (די דיק פון די רערן 75 מילימעטער) מיט **קאמפלעטענע ארמאטורע** די דיק פון קעסעל האלט ביז 8 מילימעטער. דער מאנימעטער איז ביז 5 אטמאספערע.

מיט אפערטען זיך צו ווענדען:
**Zarząd Gminy Żydowskiej**
KIELCE, ul. Leonarda № 1, telefon 120
יארט קען מען אויך אנקוקען די 2 קעסלען.

Serdeczne słowa podzięki p. Dr. KADYSIEWICZOWI
za owocną i niestrudzoną pomoc lekarską podczas mej ciężkiej choroby.
składa
*Jakób Kirszencwajg*

## בעקאנטמאכונג.

דערמיט ווערט בעקאנט געמאכט אלע סוחרים פון ראדאם און פראווינץ, אז צום יעצטיגען סעזאהן האב איך צוגעגרייט א גרויסען אויסוואהל

## שאמאט-אייוועגס
### (פערצינקטע)
### צו זעהר ביליגע פרייזען

וועלכע זענען שעהן און עסטעטיש אויסגעפערטיגט, זיי זענען שפארזאם און פראקטיש דערמיט, וואס ביי א קליינע דאזע ברען־מאטעריאל גיבען זיי װארימקייט אויף א לענגערע צייט.

צו בעקומען אין דער פאבריק פון **בנימין האכמאן** ראדאם לובלינער 9.

Z prawdziwą boleścią odczuwamy przedwczesną śmierć najukochańszej naszej koleżanki **Lubci Frydman**
wyrażamy szczere wyrazy współczucia RODZINIE
Kl. III i IV gimn. żeńskiego
Kielce. Stefanji i Władysława Zimnowodów.

Najgłębsze współczucie rodzinie FRYDMAN
z powodu przedwczesnej śmierci Ich córeczki
**LUBCI**
wyrażają
Kielce. Arnoldowie Lichtensztajn.

Szanownym Rodzicom naszego przyjaciela Państwu Frydman
z powodu przedwczesnej śmierci Ich nieodżałowanej córeczki
**LUBY**
serdeczne współczucie wyrażają
Kielce. Heniek Klajman, Seweryn Ostrowicz.

חבל אל דאבדין ולא משתכחין!
אזוי ווי א דינער האט אונז געטראפען די ידיעה, אז אונזער חשוב׳ער און אונפערגעסענער פריינד
**ר׳ אברהמ׳לע גאלדבערג ז״ל**
האט פערלאזט אונזער וועלט, מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען טרויער און מיטלייד די איבערגעבליבענע פאמיליע. זאלען זיי זיין געטרייסט און עס זאל זיין בלע מות לנצח. זיינע גוטע טהאטען זאלען אויף איהם ממליץ זיין ביים בית דין של מעלה. זיין אנדענקונג בלייבט ביי אונז פערשריבען אויף די טאפעל פון אונזערע הערצער.
פאריס־לאדז. יוסף עבענפעלד עט פאמיליע.

# פערברענט געוואָרען דריי ספרי תורות.

דעם פאָריגען פרייטאג איז ראדאָם ווי עלעקטריזירט געוואָרען פון דער שרעקליכער נייעס, אַז אין איינעם פון די היגע בתי מדרשים איז פערברענט געוואָרען דריי ספרי תורות.

ס'איז באַלד בעוויסט געוואָרען, אַז דאָס האָט פאסירט אויף זשאַביאַ גאַס נומער 60, וואו עס עגזיסטירט אַ קליין בית-מדרש'ל. אין דאָזיגען בית-מדרש איז אויך פאראַן אַ בעזונדערע אָב-טיילונג פאַר פרויען, וואו עס פלעגט נעכטיגען דער איידעם פון בעל-הבית. דעם זעלבען פרייטאָג אַזייגער 4 פאַר-טאָג איז די גאַנצע גאַס אַלאַרמירט געוואָרען, אַז ס'ברענט, די אַנגעלאָ-פענע שכנים, נישט קאָנענדיג אַריין אין פערשלאָסענעם בית-מדרש, האָבען אויסגעזעצט אַ שויב און דערזעהן, אַז אין ארון קודש ליגט שטרוי און צוויי ספרי תורות זענען שוין כמעט פער-ברענט און דאָס דריטע ספר איז אַרומ-גענומען מיט אַ וואָלקען רויך.

די פּאָליציי האָט באַלד פערהאַלטען דעםביישלעפער, וועלכער איז אגב אַביסעל פערדעכטיג, צוליב דעם, וואָס ער איז שוין געזעסען אין תפיסה. 7 פריה האָט מען וועגען דעם געשע-העניש געמאָלדען הרב קעסטענבערג, וועלכער איז צוזאמען מיט'ן סופר ר' מענדיל שיינבוים אַראָבגעקומען אויפ'ן אָרט און געהייסען אַלע צונויפגעזאַ-מעלטע איינוואָהנער זיך קורע זיין און ער האָט אָנגעשטעלט אַ עהרען-וואַך צו היטען דאָס אַש פון די פערברענטע ספרי תורות.

באַלד זונטאָג האָט די גמינע אַרויס-געהאָנגען שוואַרצע בעקראַלאָגען, וואו זי האָט מיטגעטיילט וועגען שענדליכען טהאַט און גלייכצייטיג האָט די גמינע מיט הרב קעסטענבערג בראָש גערופען אַ תענית צבור אויף מאָנטאָג מיט ליי-נען ויחל. און די, וואָס וועלען נישט קאָנען פאסטען זאָלען געבען פדיון נפש.

אין זעלבען טאָג, מאָנטאָג, איז אויך פאָרגעקומען די לויה פון די פער-ברענטע ספרי תורות. ס'איז געוואָרען געמאַכט אַ ספעציעלער ארון, וואו מען האָט אַריינגעלעגט די פערברענטע יריעות, אנגעטוהן אין תכריכים. דעם ארון האָבען געטראָגען הרב יחיאל קעסטענבערג, מ״ח מענדיל קעסטענ-בערג און דער רבי ר' משה'לע. נאָך דער לויה איז נאָכגעגאַנגען טויזענטער מענשען.

ביי דער תלמוד תורה האָט זיך דער ריזיגער לויה צוג אָבגעשטעלט און הרב קעסטענבערג האָט געהאַלטען פון באַלקאָן אראָב אַ הספד, אין וועלכען ער האָט געזאָגט, אַז צוגלייך מיט'ן רעליגיעזען אומגליק, וואָס איז געשעהן אין ראדאם דורך פראָפאַנירען די יו-דישע הייליגקייטען, איז אויך געשעהן אַ גרויס נאַציאָנאַל אומגליק דעם וועלט-יודענטום, וואָס די ציניש ענגלענדער האָבען פערראַטען דאָס יודישע פאָלק און ווילען אויסראָטען דעם 2000 יעה-ריגען חלום פון אַ אייגענע יודישע היים. דוקא יעצט, זאָגט הרב קעסטענ-בערג אין זיין הספד, דאַרפען אַלע יו-דען, אָהן אונטערשיד פון פּאַרטיי און קלאַס, פערשטאַרקען דעם רעיון פון שיבת ציון

בעת דער לויה זענען געווען טהע-טיג 5 פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען, וועל-כע האָבען אראָבגעכאַפּט דאָס אימפּאָ-זאַנטע בילד פון דער לויה. אויך מיעל פּאָליציי רייטער און פיס-געהער האָבען געהיטען די אָרדנונג ביז דעם בית-עלמין, וואו ס'איז פאָרגעקומען די קבורה.

אין דער גאַנצער צייט פון דער לויה האָט געהערשט אַ שטאַרקע גע-דריקטע שטימונג און טיעפער טרויער.

זעהר וויכטיגע פראגען, וועלכע האָ-בען אַ שייכות מיט די גרונד-פרינציפען פון דער אידישער פּאָליטיק אין פוי-לען. צו אַלע וואהל-קאָמיטעטען זענען ארויסגעשיקט געוואָרען ספעציעלע איינלאַדונגען. די שטעדט, וועלכע וועלען אבער צוליעב וועלכע עס איז סיבות די איינלאַדונגען נישט בעקומען דאַרפען אליין דעלעגירען וייערע פאָרשטעהער.

אַלע אַרומיגע שטעדט, וואָס געהע-רען צום ראַדאָמער וואהל קרייז דאַר-פען שיקען זייערע דעלעגאַטען.

# בערימטע אַרטיסטין לידיאַ פּאָטאָצקא אין ראַדאָם.

אויף דריי גאַסטראָלען קומט קיין ראַדאָם די בעריהמטע יודישע אַרטיס-טין לידיאַ פּאָטאָצקא.

אין רעפּערטואַר געהט צווישען אַנ-דערעס אויך אַריין מירעלע אפרת, וואָס איז געווען די קרוין-ראָלע און די ביהנע-פעריל פון דער פערשטאָר-בענער, אונפערגעסליכער אסתר רחל קאמינסקא. ס'איז דעריבער זעהר אינ-טערעסאַנט צו זעהן די פּאָטאָצקא אויפפיהרען דאָס זעלבע ווערק. עס וויל זיך גלויבען, אַז די בעגאַבטע אַרטיס-טין וועט אויך אין דער ראָל אַרויסווייזען איהר קינסטלערישען טאַלאַנט.

דאָס אַנסאַמבל, וואָס בעגלייט פּאָ-טאָצקא'ן צעהלט צווישען זיך בעדיי-טענדע אַרטיסטישע כחות.

די פּאָרשטעלונגען פון לידיא פּאָ-טאָצקא פערדיענען אויף אַ זאָלוויי-כען בעזוך.

# יצחק גרינבוים אין ראַדאָם.

היינטיגען שבת וועט ראדאָם האָבען אַלס זעהר חשוב'ען גאַסט דעם פיה-רער פון פוילישען נאַציאָנאַלען יודענ-טום, יצחק גרינבוים.

יצחק גרינבוים וועט אויפטרעטען מיט אַ רעפעראַט אין „קאַרסאָ“.

דער בעזוך און דער רעפּעראַט האָבען צוליעב דער גרויסער בעדייט-ליכקייט און איינפלוסרייכקייט פון דעם זעהר חשוב'ען גאַסט אַ ריסיגע-רופען אין שטאָדט אַ שטאַרקען אינ-טערעס.




# די קרייז-וואַהל-קאָנפערענץ אין ראַדאָם.

זונטאָג, דעם 2-טען נאָוועמבער וועט אין ראדאָם פאָרקומען די קאָנפערענץ פון אַלע וואהל-קרייז-קאָמיטעטען אין ראדאָמער און אילזער קרייזען.

אין דער קאָנפערענץ וועלען זיך בעטייליגען מצד דעם הויפּט-וואַהל-קאָמיטעט געוו. דעפ. א. האַרטגלאַס, געוו. סען. הרב רובינשטיין, רעד. א. גאָלדבערג און ג. אדוו. א. סאָלבע.

אַלע אָרטיגע וואהל קאָמיטעטען פון די אויבענדערמאָנטע קרייזען (ראדאָ-מער, קאָנסקער, אָפּאָצנער, אילזער, קאָזעניצער און אָפּאַטאָווער ראַיאָנען) דאַרפען דעלעגירען זייערע פערטרעטער צו דער קאָנפערענץ. די צאָהל פון די דעלעגאַטען איז אונבעגרענעצט. די דעלעגאַטען מוזען מיט געהעריגע בעפאָלמעכטיגונגען, דאַרפען זיך מעל-דען 10 אַ זייגער פריה אין ביוראָ פון דעם קרייז-וואהל קאָמיטעט אין ראדאָם (ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, שערמאַס-קיעגאָ נומער 25), כדי צו בעקומען די דעלעגאַטען-קאַרטען. אויפ'ן סדר היום פון דער קאָנפערענץ שטעהען

# אידען

## פון ראַדאָמער, קאָנסקער, אָפּאַטשנער

## וואַהל-קרייז!

אַ געוואַלדיג ערנסטע שעה פאַרן גורל פון פוילישען אידענטהום, איז דער יעצטיגער מאָמענט ווען מיר שטעהען ערב די וואַהלען צום סיים און סענאַט. די יודישע באַפעלקערונג אין אונזער וואַהל-קרייז געפינט זיך אין אַ גרויס פערצווייפלונג

## צוליב דער אונמעגליכקייט אַדורכצופיהרען אַ יודישען מאַנדאַט

בפרט יעצט ווען אונזערע וואָרטפירער עסקנים און כלל-טוער האָבען נישט געוואָלט אין אַזאַ שווערען מאָמענט פערציכטען אויף זייערע פערזענליכע אמביציעס און פּאַרטיי-רייסענישען און האָבען דעם יודישען פראָנט אַזוי צובראָכען, אַז אונזער וואַהל-קרייז, וואו ביי גרויסע אָנשטרענגונגען און ביי אַן איינהייטליכע יודישע סאָלידאַריטעט וואָלט מען אפשר געקענט אַדורכפיהרען אַ איינציגען יודישען מאַנדאַט, האָט מען אונז מזכה געווען מיט גאַנצע 4 יודישע ליסטעס.

**דער פעראייניגטער וואַהל-קאָמיטעט ביי דער יודישער קהלה אין ראַדאָם** האָט אויף זיך גענומען די מיסיע צו ערקלערען דעם אמת די ברייטע יודישע פאָלק'ס-מאַסען, אָנווייזענדיג דעם ריכטיגען וועג; דעם וועג וואָס קאָן נאָר ברענגען נוצען די לאָקאַלע יודישע אינטערעסען פון אונזער וואַהל-קרייז. מיר מוזען וויסען, אַז מיר זענען נישט קיין נאָכשלעפּער פון וועלכער ס'איז פּאַרטיי-דעמאַגאָגיע. מיר זענען נאָר אויסען די טובה פון כלל-ישראל און מיר דאַרפען ערפילען אונזער בירגערליכען חוב כדי מיר זאָלען קאָנען פאָדערן אונזערע בירגערליכע רעכט.

די יעצטיגע ערנסטע לאַגע פון יודענטום בכלל און די יודישע לאַגע אין פוילען בפרט פאָדערט פון אונז נישט צו פערטושען די מוחית מיט פּאַרטייאישע אמביציעס.

דער יודישער גייסט איז פון אייביג-אָן נאָר פאַר רוה און אַלגעמיינעם שלום, אַזוי אינערליך ווי אויסערליך, ווייל דאָס יודישע פאָלק איז שטענדיג געגען רעוואָלוציעס און אונרוהען, בפרט וועלכע די יודישע לאַגע איז אַממעהרסט בעדראָהט.

רוה און אָרדנונג אין אונזער לאַנד קאָן אונז נאָר גאַראַנטירען אַ שטאַרקער דעמאָקראַטישער רעגירונגס-אַפּאַראַט, וועלכער זאָל ווערען געשטיצט דורך דער מעהרהייט פון לאַנד. און דאָס קאָן נאָר זיין די אונטערשטיצונג פאַר'ן אונפּאַרטייאישען בלאָק אין וועמענס שפּיץ עס שטעהט דער ערשטער מאַרשאַל פון פוילען יוזעף פּילסודסקי.

## דער פעראייניגטער יודישער וואַהל-קאָמיטעט
## ביי דער יודישער קהלה
## אין ראַדאָם.

23—05

# אויפרוף

## צו דער יודישער בעפעלקערונג

## אין ראדאם.

שוין צעהנדליגע יאהרען נויטיגט זיך די סקארישאווער און גליניצער געגענד אין א קהל׳ש בית-המדרש און א מקוה. נעמענדיג אין אכט, וואס די דערמאנטע געגענד איז בעוואהנט פון טויזענדער יודען כן ירבו. און איז ווייט פון שטאדט עטליכע קילאמעטער — איז דאס אויפשטעלען פון אזעלכע צוויי רעליגעזע אנשטאלטען א געוואלדיגע נויטווענדיגקייט.

דער יעצטיגער צופאל פון פערברענען דריי ספרי תורות ר״ל האט אמבולט׳סטען בעוויזען, אז דער ענין איז א געבאט פון דער שעה און ס׳איז דער חוב פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג אין ראדאם בכלל און פון די יודען אין יענער געגענד בפרט שוין צוצוטרעטען צו פערווירקליכען אין לעבען דעם הייליגען פלאן. צו דעם צוועק איז געוועהלט געווארען א ספעציעלער אויפבוי-קאמיטעט פון מיר אונטערגעשריבענע

אין דעם היסטארישען טאג פון תענית צבור אין שייכות מיט די פערברענטע ספרי תורות, האט די יודישע קהלה אין ראדאם געקויפט ביים ה׳ דוד בלאטמאן (סקארישאוער 26) א ענטשפרעכענדען פלאץ אויף דעם הערליכען צוועק. אבער דאס רעאליזירען אזא גראנדיעזע און נויטווענדיגע אונטערנעמונג איז פערבונדען מיט גרעסערע סומען געלד. צוליב דעם ווענדען מיר זיך צו אייך, ראדאמער יודען, מיט א חיסעון אפעל, אז יעדער איינער, ארים, צי רייך, אהן אונטערשיד פון פארטיי און קלאס, צו בעטייליגען זיך מעהר, ווי אייערע כחות זענען, אין דער הייליגער אויפבוי-ארבייט.

**זאלען די טרויער-בילדער** פון טויזענדקעפיגען צוג בעת דער לויה פון די ספרי תורות שוועבען פאר אייערע אויגען און נישט פערווישט ווערען.

**זאלען די גרויסע הארצרייסענדע ווערטער פון היגען רב שליט״א** קלינגען אין אייערע אוירען.

**אין אייערע הענד** ליגט יעצט דער גורל פון דעם אויפבויענדען מוסטער-ווערק, וואס וועט פערשאפען כבוד אונזער יודישער קהלה און מאכען פערגעסען דעם גרויסען בזיון און חילול-השם, וואס איז פארגעקומען.

די נעמען פון די מנדבים, אויסער דעם וואס זיי וועלען ווערען פערעפענטליכט אין דער היגער יודישער פרעסע, וועלען אויך פערשריבען ווערען מיט גאלדענע אותיות אין א ספעציעלען פנקס, וואס וועט בלייבען א היסטארישער אקט אין דער קהלה אויף דור-דורות. ווארט נישט, ביז מ׳וועט צו אייך קומען. ברענגט אייערע תרומות פערזענליך.

מיט כבוד

דער אויפבוי-קאמיטעט פאר א בית-מדרש און א מקוה

פאר דעם סקארישאווער און גליניצער ראיאן

**הרב יחיאל הלוי קעסטענבערג** אבד״ק ראדום.

ירחמיאל גוטמאן, בנימין האכמאן, מאטיל זוויקעלסקי,

יצחק הייצהענדלער, יצחק מאיר לעסלאו, יוסף

זיידענבערג, מאטיל קאלאווסקי. ק. עפשטיין.

גרשון לערערהענדלער, לייב האקמאן.

23—06.

# די שטאדט - גאזאווניע

— פערקויפט —

## הורט און דעטייל

פויעפאוויטע סמאלע — קארבאלינעאום

צו בעדייטענד ביליגע פרייזען

— פיהרט אויס —

## גאז-אינסטאלאציעס

וואננע אייוועלעך

קיכלעך צו קאכען

אייוועלעך צו ווארימען

— בעשטעלונגען נעמט-אן —

**GAZOWNIA MIEJSKA**

MŁODZIANÓW, Tel. 234 skrz. p. 28

**Dlaczego przoduje wszędzie**



**PEPEGE**

Dlatego, że udoskonalone

**śniegowce i kalosze**

marki „Pepege", mimo niskiej ceny, wyróżniają się bardzo gustownem wykonaniem zewnętrznem i długo zachowują początkową wspaniałość formy i barw. Są pozatem bardzo lekkie i zawsze łatwe do włożenia.

ŻĄDAJCIE WSZĘDZIE TYLKO Z PODKOWĄ

**‹PEPEGE›**

**Kino ODEON Teatr**

Od poniedziałku 27 Paźdz. r. b.

**Przekleństwo krwi**

Nadprogram Ken Maynard

**Kino CORSO Teatr**

Dziś i dni następnych

**Jej pieprzyk**

w rol. gł.: Willi Fritsch i inn.

Nadprogram IV serja Goliat Armstrong.

**Kino-Teatr Nowe-Czary**

Dziś i dni następnych!

1. Fascynujący dramat p. t. **Podzwrotnikowe Szaleństwa**
2. Sensacyjny film p. t. **„Postrach złoczyńców"**

**Kino dźwiękowe „ŚWIT"**

Dziś i dn. następnych

**SPIEWAJĄCY BŁAZEN** Nad program Pierwszorzędne dod. dźwiękowe

Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia „Wyd. Radomer-Kelcer Lebn" Radom Szwarlikowska 20.